בס"ד

שבת מברכים

שבת מברכים ניסן | ר"ח יום שישי ושב"ק | המולד יום חמישי 14:08 | 13 חלק'

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

שמיני

כ"ד ניסן תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:31 |
| מוצש"ק | 7:46 |
| ר"ת | 8:25 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:38 | סוז"ת א' | 9:58 |
| סוזק"ש ב' | 9:22 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': כו

טיב הפרשה

# דער לימוד פון א נסיון אין א גוטע מינוט

די פרשה פון שמיני הייבט זיך אן מיט די ביטערע פרשה פון די מיתה פון די צוויי צדיקים נדב און אביהוא ווען זיי האבן מקריב געווען אש זרה פארן באשעפער אין בית המקדש.

יעדע פרשה אין די תורה איז טיף און העכער פון אונזער השגה, אבער עס לאזט זיך זאגן אז די פרשה איז נאך העכער און אומפארשטענדלי-כער פון אלע פרשיות ביז אהער. אבער, ווייל מיר גייען מיט דעם כלל, אז אויב די תוה"ק דערציילט עס אונז וויל ער אז מיר זאלן זיך עפעס ארויסלערנען פון דעם. לאמיר זען וואס מיר גייען זיך ארויסלערנען דא פון די געשעעניש.

די נקודה וואס מיר קענען זיך ארויסלערנען פון די געשעעניש איז **זייער א טיפע נקודה**, עס איז זייער נוגע פאר יעדן איינעם פון אונז אין זיין לעבן.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די יעניגע געשעענישן זעט מען א מורא'דיגע זאך. כלל ישראל אין יענע צייט איז געווען ברום המעלה. מען האט בא-נייעט די משכן, מען האט געזען ווי עס קומט אראפ א פייער פון הימל, די גילוי השכינה איז געווען זייער גרויס, אבער פלוצלונג, אינמיטן די גרעסטע ברען פון אזא געשעעניש האט פאסירט אזא ווייטאגליכע זאך.

מען קען זיך פארשטעלן ווי צעמישט און אנטוישט כלל ישראל איז געווארן אין די יעניגע מינוטן. פון איין זייט זעט מען דא אזא אפענע יד השם, די השראת השכינה איז אזוי גרויס, אבער דא זעט מען די פארק-ערטע.

וואס זאל מען דען טראכטן? אבער דאס איז טאקע געווען די נקודה.

אסאך מאל לענגאויס די לעבן פון א מענטש באגעגנט זיך א מענטש מיט אזא סארט הנהגה אז דווקא אין די צייט ווען ער שטארקט זיך אין עבודת השם און ער איז מתקן זיינע מעשים, ווערט ער פלוצלונג

<<< | המשך אין עמוד ב' |

טיב המערכת

## – ◆ וישמע משה וייטב בעיניו ◆ –

עס איז אמאל געווען א איד וואס איז ליידער אראפ פונעם אידישן וועג און איז געווארן א פושע. ער איז רח"ל ווייטער אראפגעגאנגען ביז ער איז געווארן א באוואפנטער רויבער, שטייענדיג ביי די וועגן און בארויבנדיג די מענטשן.

איין טאג זענען חרטה געפילן אריינגעגאנגען אין זיין הארץ, אויף אלעס וואס ער האט געטון. ער האט געוואלט תשובה טון, אבער וויבאלד ער האט געוואוסט זיין מצב האט ער פארשטאנען אז דאס איז בכלל נישט קיין פשוט'ער זאך.

נישט וויסנדיג וואס צו טון, איז ער געגאנגען צום רב און אים אלעס דערציילט, בעט-נדיג אן עצה. האט אים דער רב געזאגט אז פון היינט און ווייטער זאל ער נעמען אויף זיך מער נישט צו רעדן ליגנט. דער איד האט טאקע נישט פארשטאנען וואס דאס וועט אים העלפן, אינדערצייט וואס ער רויבט, גזל'ט און הרג'עט קאלטבלוטיג. אבער וויבאלד ער האט באשטימט אז ער גייט תשובה טון, האט ער אנגענומען די ווערטער פונעם רב, **און האט מקבל געווען אויף זיך מער נישט צו זאגן ליגנט.**

געציילטע טעג זענען דורכגעגאנגען, און פלוצלונג האט זיך ערוועקט ביי אים א גלו-סטעניש צו רויבן אזוי ווי פריער. ער האט זיך שוין ארויסגעלאזט אין וועג צו גיין אויספירן זיין וואונטש, אבער דא האט ער זיך דערמאנט אין זיין הבטחה וואס ער האט צוגעזאגט פארן רב אז ער גייט נישט זאגן ליגנט. האט ער געטראכט צו זיך: אויב וועט מען מיר כאפן און מען וועט מיר פרעגן צי איך האב גע'גנב'עט, וועל איך דאך דארפן **זאגן דעם אמת!**

האט ער זיך צוריקגעהאלטן, און איז נישט געגאנגען גנב'נען. דאס זעלבע איז געווען יעדן מאל וואס ער האט געוואלט גנב'נען, אז ער האט זיך דערמאנט פון זיין הבטחה צו רעדן **נאר אמת**, און דורכדעם האט ער אינגאנצן **אויפגעהערט** מיט זיינע שלעכטע מעשים.

אין די פרשה פון די וואך שטייט אין פסוק "וישמע משה וייטב בעיניו", זאגט רש"י "הודה ולא בוש לומר לא שמעתי". נישט אומזיסט פארציילט אונז דאס די תורה, ווייל משה רבינו איז דאך געווען דער שפיץ פון שלימות צו וועלכע א מענטש קען צוקומען, און טראצדעם האט ער געדארפט ארבעטן אויף זיינע מידות און זאגן "איך האב נישט געהערט", אדער "איך האב געהערט און איך האב פארגעסן", און נישט נאר איז דאס פאר אים נישט קיין שאנד, נאר פונקט פארקערט, **דאס אז ער זאגט דעם ריינעם אמת, איז גאר זיין לויב.**

הרה"ק רבי משה קאברינער זי"ע פלעגט זאגן, אז דער וועלט מיינט אז דער יצר הרע קומט נישט צו גרויסע מענטשן זיי איבערצורעדן, אבער דער אמת איז אז עס איז פונקט פארקערט, אז ער פראבירט זיי איבעררעדן אפילו צו טון די הארבסטע איסורים, נאר דער חילוק איז אז זיי שטופן אים אוועק און דערווייטערן אים, און דער פשוט'ער איד פאלט נעבעך אריין אין נעץ.

וויפיל שלעכטס וואלט מען געקענט איינשפאָרן אויב מען וואלט געקענט מודה זיין אז מען האט א טעות געהאט, אזוי ווי מיר האבן דא געזען אז די מידה פון אמת איז אימשטאנד צו ראטעווען דעם מענטש פון הארבע איסורים.

(עפ"י טיב התורה-שמיני)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

באהערשט פון א שטארקע און א געדעכטע הסתר פנים אז ער זעט נישט גארנישט, עס ווערט אים פינסטער פאר די אויגן אז ער זעט נאר די פארקערטע.

דער מענטש ווערט מורא'דיג דערביטערט. ער וואונדערט זיך וואס גייט דא פאר? וויאזוי קען זיין אז דווקא אין אזא צייט ווען איך האב זיך גענומען אין די הענט אריין זאל געשען צו מיר אזא זאך.

אבער דער איד דארף וויסן אז עס האט א סיבה. דווקא אין אזא צייט וויל הקב"ה שטעלן דעם מענטש אויפן פלאץ און שטערקער מאכן די בונד צווישן אים און דעם איד. ווען עס גייט א איד גוט און ער זעט ווי אלעס איז אין פלאץ, וויאזוי ער באקומט די שכר פאר זיינע מעשים, קען דער איד אנקומען צו א מצב אז ער זאל ווערן צוגעבינדן צו א מציאות אז ווען ער זעט די השגחה, די שכר פאר זיינע מעשים, דינט ער השי"ת, אבער הקב"ה וויל אז די אמונה זאל זיין אזוי שטארק איינגעבאקן ביי אים אז אויך ווען אלעס גייט פארקערט זאל ער זיך האלטן שטארק ביי זיין אמונה און בלייבן געטריי צו הקב"ה און צו זיינע וועגן.

דער הייליגער חזון איש שרייבט אין זיין ספר אמונה ובטחון פרק ב' אז עס איז גרינג זיך צו זיין א בעל בטחון ווען אלעס גייט כשורה, אבער די בטחון ביי א מענטש מעסט זיך ווען זאכן גייען **פונקט פארקערט ווי ער וויל**, ווען ער זעט נישט וויאזוי די בטחון ברענגט די ישועה.

אין זיינע ווערטער ברענגט ער אראפ א לעבעדיגע ביישפיל פון א איד מיטן נאמען ראובן וואס רעדט א גאנצער טאג פון בטחון און האלט אין איין אוועקמאכן די וואס זענען פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט מיט מאכן השתדלות.

ווען מען רעדט מיט אים, דוכט זיך אז דער איד איז דער גרעסטער מאמין אין די וועלט, אבער וויאזוי קען מען טאקע וויסן צי ער איז דערביי, אדער ער קען נאר גוט רעדן.

דאס וועט מען זען ווען עס הייבט אים אן צו גיין שווער חלילה, ווי למשל אז איינער קאנקערירט זיך מיט אים אין זיינע געשעפטן. וואס טוט ער דעמאלטס? צי וועט ער אנווענדן אלעס אין די וועלט אפצושטעלן יענעם, אדער וועט ער משלים זיין מיט דעם און בלייבן רואיג.

נאר אויב דער איד וועט בלייבן רואיג און נישט זוכן צו טון השתדלות אן אויפהער איז א סימן אז זיין בטחון איז אן אמת'ע בטחון און עס איז נישט נאר שיינע דיבורים אין די וועלט אריין, ווען עס גייט אים גוט אין זיינע ענינים.

און די זעלבע געדאנק זעען מיר דא ביי נדב ואביהוא. מיר זעען ווי דווקא אין אזא געהויבענע מינוט האט פאסירט אזא זאך. דער רבוש"ע האט געוואלט מחזק זיין די אמונה פשוטה פון דער איד, אז סיי אויב מען זעט און מען פארשטייט זאל מען גלייבן און סיי אויב מען זעט נישט און מען פארשטייט גארנישט זאל מען בלייבן שטארק אנגעבינדן אין די הייליגע אמונה און גלייבן אז אלעס איז לטובה, ווייל נאר אז מען וועט גלייבן אין אזא מינוט, וועט די אמונה זיין שטארק און באפעסטיגט און בלייבן אויף אייביג.

די פרשה פון נדב ואביהוא ליינט מען יום כיפור ווייל דער עיקר פון א איד איז די דערמאנטע נקודה פון אן אמונה פשוטה ותמימה, ווייל אז מען וויל בלייבן אן ערליכער איד און קענען שטייגן העכער איז די ערשטע יסוד אמונה פשוטה, אפילו מען פארשטייט נישט און מען ווייסט נישט פארוואס עס איז אזוי.

עס איז ידוע פון צדיקים אז נסיון איז מלשון נס און 'נס' איז אויך מלשון פון זיך דערהייבן העכער. עס לערנט אונז דעם געדאנק אז דורך א נסיון קומט א איד אן צו שטייגן העכער און ווערן מער אנגעבינדן אין השי"ת.

זאל השי"ת געבן אז מען זאל זוכה זיין דערצו און קענען בלייבן אלעמאל געבינדן אין השי"ת מיט אן אמונה תמימה ופשוטה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

## א פארזיכערטע אינוועסטירונג

עס איז געווען אין די ערב פסח טעג ווען עס האט מיר נאך אויסגעפעלט 300 שקל פאר די קאסטן פון יום טוב. איך האב זיך דרינגענד גענויטיגט אין די געלט אבער זוכנדיג אין מיינע טאשן פאר די געלט האב איך געטראפן אין איר בלויז צען פראצענט פון די סומע, גאנצע דרייסיג שקל.

נישטערנדיג אזוי פאר געלט האב איך איבערגעקוקט נאכאמאל און נאכאמאל די קעשענעס אבער איך האב נאר געטראפן אין איר די דערמאנטע 30 שקל.

טראכטנדיג אזוי וואס איך גיי טון האב איך זיך דערמאנט אין די סגולה פון געבן פאראויס מעשר געלט אויף די סומע וואס איך גיי פארדינען. דערמיט דרוקט מען אויס די אמונה וואס מען האט אז השי"ת גייט מיר נישט פארלאזן, און עס איז ממשיך די ישועה.

זעענדיג אז איך האב ביי מיר נאר דרייסיג שקל האב איך עס געגעבן פאר צדקה און זיך ארויסגעלאזט זוכן געלט צו בארגן ביז ווען איך וועל עס האבן צוריקצאלן.

זוכנדיג פון וועמען צו בארגן, האב איך באגעגנט א רייכער איד און אים געפרעגט צי ער קען מיר בארגן די סומע.

"בארגן? איך קען דיר נישט בארגן, איך וועל דיר געבן עפעס".

דער איד האט אריינגעווארפן אין מיין האנט א קליין בינטל פון שטרות. מיר האט זיך געדוכט אז עס איז א הונדערטער אבער למעשה איז עס געווען 300 שקל, גענוי די סומע וואס איך האב געדארפט.

איך האב געזען בחוש אז **די סגולה ארבעט פיין** און ברענגט די באשערטע ברכה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה.ג]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# בקרובי אקדש!

**"ותצא אש מלפני ה', ותאכל אותם, וימותו לפני ה' וגו'. - הוא אשר דיבר ה' לאמר, בקרובי אקדש, ועל פני כל העם אכבד" י, ב-ג**

דעם פאלגנדן דערציילונג, נעמט אונז צוריק ארום אכציג יאר, צו די יארן פון די ביטערע וועלט־מלחמה. דאס איז א מורא'דיגע מעשה איבער א גרופע הייליגע יונגע אידישע בחורים אין פוילן, וועלכע האבן מקדש געווען שם שמים מיט א געוואלדיגע העלדישקייט! די מעשה איז באקאנט געווארן איבער די וועלט, און האט באגייסטערט און פארוואונדערט פילע מענטשן.

אויף אזעלכע אידן זאגט דער פסוק אין אונזער פרשה: "בקרובי אקדש, ועל פני כל העם אכבד"!

זיי זענען אוודאי געווען היכא און טייערע נשמות, וועלכע האבן זוכה געווען צו לעבן עטליכע יאר מיט געוואלדיגע מסירות נפש פאר שמירת התורה והמצוות, אן נאכצוגעבן אפילו א האר! און דערנאך ווען זיי זענען ארויפגעאנגען אויף קידוש השם, האבן זיי זוכה געווען צו הייליגן דעם אויבערשטנ'ס נאמען אויף א געוואלדיגן אופן!

->•<-

די מעשה וואס מיר ווילן דא דערציילן, איז פארבינדן מיט איינע פון די הייליגע חבורות פון די באוואוסטע חסיד'ישע אונטערגרונד, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אין די צייטן פון די וועלט־מלחמה, דורכן גערער יונגערמאן, דער חסיד וועלכער איז באקאנט געווארן מיט זיין הייליגקייט און העלדיגקייט, מיטן נאמען רבי מתתיהו געלמאן זצ"ל הי"ד, אדער ווי יעדער איינער האט אים גערופן מיט ליבשאפט: **"מאטעס"**!

'מאטעס' איז געווען דער שליח פון די השגחה עליונה, צו שטארקן די יונגער דור פון בחורים און יונגעלייט אין פוילן, אויף ווען עס איז נגזר געווארן צו לעבן זייערע בעסטע יארן זיך געפינענדיג אין די שרעקליכע תקופה פון די וועלט־מלחמה, און אויפשטעלן א גאנצע פעסטונג **פון תורה און עבודה** אין די שרעקליכע צייט!

ער איז באשאנקען געווארן מיט א געוואלדיגע שטארקייט, נישט מורא האבנדיג פון גארנישט! ער האט נאר מורא געהאט פונעם אויבערשטן און פון זיינע געטרייע קנעכט די צדיקים. ווען די שרעקליכע מלחמה האט זיך אנגעהויבן, און איבער גאנץ פוילן האבן זיך די ישיבות פארמאכט, און די בתי מדרשים און שטיבלעך האבן אויפגעהערט אנצוגיין, האט מאטעס אויפגעשטעלט חבורות פון די בעסטע בחורים און יונגעלייט, אינעווייניג אין די געטאס און וואו נאר עס האבן זיך געפינען אידן.

די חבורות זענען באקאנט געווארן אלס "מאטעסאווטשעס", אויפן נאמען פון זייער רבי'ן, 'מאטעס'. דאס איז געווען א ברייטפארצווייגטע געהיימע ארגאניזאציע, וועלכע האט געארבעט באהאלטענערהייט, אונטער די נאז פון די בייזווילליגע נאציס ימח שמם.

דער ערשטער יסוד פון די מאטעסאווטשעס, לויטן אנווייזונג פון דער אנפירער מאטעס, איז געווען, אז מען טאר גארנישט נאכגעבן!!! נאר מען גייט ביזן סוף, מיט מסירות נפש, אויף יעדן זאך! מען גייט אן מיטן קיום התורה והמצוות בשלימות לויט וויפיל מעגליך, און מען לערנט ווייטער די הייליגע תורה מיט גרויס התמדה, **אזוי ווי עס איז נישטא קיין מלחמה אויף די וועלט!**

**פאר דעם צוועק זענען אויפגעשטעלט געווארן באהאלטענע 'שטיבלעך'... טיף באהאלטן אין קעלערן און בונקערס, וואס די צוטריט צו זיי איז געווען באהאלטן און פארשטעלט, אז קיינער זאל זיי נישט קענען אנטפלעקן.**

דארט אין די באהאלטענע שטיבלעך, איז אויסגעוואקסן א נייע דור, א מיליטער פון פילע צענדליגע טייערע בחורים און יונגעלייט, וועלכע זענען געווען אין זייערע בעסטע יארן און באליאונג, אבער האבן נישט געוואלט פארלאזן זייער לערנען און דאווענען, און האבן אזוי פארגעזעצט דורכאויס די גאנצע מלחמה מיט זייער לעבנסוועג על התורה ועל העבודה, מיטן גרעסטן התלהבות אזוי ווי אין די גוטע צייטן...

מאטעס האט געהאט זיינע שליחים, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען אריבערצופירן עסן, קליידונג, גמרות און אנדערע וויכטיגע זאכן צו אלע אונטערערדישע חבורות. זיי זענען געפארן פון איין שטאט צו די אנדערע אויף די שווערסטע וועגן און אומשטענדן, זיך איינשטעלנדיג זייער לעבן, זיך געפינענדיג אפטמאל ממש אין א לעבנסגעפאר!

און מאטעס אליין? ער פלעגט די גאנצע צייט וואנדערן אויף די וועגן, און אנקומען פון איין ארט צום אנדערן, פון איין געטא און פון איין ווינקל צו די אנדערע, אויף פארהוילענע וועגן... אינדערצייט וואס אלעס איז געווען פארשלאסן און פארקנאקט אן קיין וועג צו קומען און גיין, און וועמען מען האט געכאפט אינדרויסן פלעגט גע'הרג'עט ווערן גלייך אויפן ארט! מאטעס האט זיך געפינען די גאנצע צייט ממש אין א לעבנסגעפאר! דאס איז אבער געווען זיין לעבנס־אונטערנעמונג, און ער האט נישט נאכגעגעבן אויף זיין גרויסע מצוה וואס ער האט גענומען אויף זיך.

די מאטעסאווטשעס פלעגן זיך אונטערזינגען א שרעקליכן לידל, וואס האט שטארק ארויסגעגעבן זייער געוואלדיגע מסירות נפש און העלדישקייט. אזוי פלעגן זיי זינגען: **ליגסט דאך סיי ווי אין קעסטל! ביסט דאך סיי ווי פערטיג!**

אין אנדערע ווערטער: יעדער האט דאך געוואוסט אז דער ענדגילטיגער ציל פון די דייטשן ימ"ש איז צו אנקומען צו א צושטאנד פון "יודן ריין" רחמנא ליצלן, און האבן געהאלטן ביי להשמיד להרוג ולאבד! מען האט קלאר געקענט זען ווי זיי זענען מקיים זייער שרעקליכן גזירה אויף אזא מסודר'דיגן פארנעם, ווען טאג־טעגליך זענען צענדליגער און הונדערטער טויזנטער אידן גע'הרג'עט געווארן!

דעריבער, האבן די מאטעסאווטשעס גע'טענה'עט, לאמיר כאטש אויסנוצן די טעג וואס מיר זענען נאך ביים לעבן, **צו לערנען און דינען דעם אויבערשטן בקדושה ובטהרה,** ביזן לעצטן אטעם!

די חבורה פון די מאטעסאווטשעס זענען געווען פון די ווייניג מענטשן אינעם דור, וועלכע האבן נישט אנגערירט זייערע הייליגע בארד און פיאות, טראצדעם וואס די נאציס ימח שמם האבן דאס קלאר פארבאטן! די הייליגע אידן האבן מקפיד געווען על קלה כחמורה, און האבן זיך אפילו אנגעשטרענגט צו גיין אין 'מקוה' אויף וועגן וואס נאר זיי האבן געקענט...

זיי האבן אויפגעשטעלט ווי אן אייגענעם מיליטער, אזוי ווי די דייטשן, א בחינה פון "מאויבי תחכמני!" (תהלים קיט, צח). זיי האבן געהאט זייערע אייגענע "קאמענדאנטן"...

יעדער ראש חבורה איז געווען דער **קאמענדאנט** אויף די בני החבורה, און יעדן באפעל וואס איז ארויסגעגאנגען פון זיין מויל איז אויסגעפירט געווארן ממש ביז מסירות נפש!

פילע וואונדערליכע מעשיות ווערן דערציילט איבער די הייליגע חבורות, וועלכע זענען געווען מקדשי שם שמים אויף א וואונדערליכן אופן. די דערציילונגען זענען צוזאמגעקליבן געווארן אין א וואונדערליכן ספר מיטן נאמען **"אלה שלא נכנעו"**, געשריבן געווארן דורכן באוואוסטן דערציילער פון די וועלט־מלחמה געשיכטעס, הר"ר משה פראגער ז"ל.

אויך איז באוואוסט, אז ווען הרב הקדוש רבי אהרן, דער בעלזער רב זצוק"ל, איז אנטלאפן פון די רשעים ביי די מלחמה, האט ער זיך באקענט פון דער נאנט מיט אט די הייליגע חבורות, און אנקומענדיג קיין ארץ ישראל, נאכן געראטעוועט ווערן פון די ברענענדיגע מלחמה בניסי ניסים, האט ער זיך דא געטראפן מיטן גערער רבי'ן דער אמרי אמת זצוק"ל, און אים דערציילט מיט גרויס באגייסטערונג:

**איך האב פאר אייך א גרוס פון אייערע יונגע בחורים וואס זענען ארויף אין פלאמען אין פוילן על קידוש השם. זיי האבן מקדש געווען שם שמים מיט גרויס העלדישקייט!**

***

און יעצט צו אונזער מעשה, וואס איז שטארק באוואוסט געווארן אין יענער צייט, און האט צוגעברענגט א געוואלדיגע קידוש השם. די מעשה איז געדרוקט געווארן אין פארשידענע ספרים און אויך אין די צייטונגען, מעגליך זענען אויך געוויסע איינצלהייטן געטוישט געווארן דא און דארט. דא ווילן מיר עס דערציילן לויט ווי עס איז דערציילט געווארן דורך הרב הקדוש מבילגורייא זצוק"ל, וועלכער האט זיך געפינען דורכן גאנצן צייט צוזאמען מיט זיין גרויסער ברודער, דער הייליגער בעלזער רב זצוק"ל, און די מורא'דיגע מעשה איז אויך אנגעקומען צו זיינע אויערן!

די מעשה איז געשען אין כ"ד אדר תש"ג, ווען דאס רוב מנין ובנין פון דאס פוילישער אידנטום איז שוין ליידער אומגעקומען על קידוש השם. די געציילטע אידן וואס זענען נאך געבליבן, ארבעטנדיג שווער און ביטער פאר די נאציס ימח שמם, האבן שוין לאנג פארלוירן זייער מענטשליכע צורה...

אבער די מאטעסאווטשעס אין די קראקעווער געטא זענען אנגעגאנגען מיטן גאנצן קראפט! דאס איז געווען א חבורה פון זיבעצן בחורים און יונגעלייט, וועלכע זענען געבליבן פונקט אזוי ווי פאר די מלחמה... זייערע לאנגע פיאות און בערד זענען געבליבן פונקט אזוי ווי פריער, און זיי זענען געווען אנגעטון אין חאלעטליך, אנגעגארטלט ארום זייערע לענדן אזוי ווי די שטייגער פון די יונגע חסידים, און זענען געזעצן על התורה ועל העבודה, אין זייער פארהוילענעם בונקער אין די שטאט קראקא!

זייער ראש חבורה, דער אזויגערופענער קאמענדאנט, איז געווען "יאנקל שפירא", א יונגער גערער יונגערמאן, וואס האט זיך מוסר נפש געווען צו אנהאלטן דעם אונטערגרונד מיטן גאנצן שטארקייט. צווישן די חבורה האבן זיך געציילט אויך די פאלגנדע יונגעלייט און בחורים: יאנקל גפן, אברהם קליינלעדער (ווע־

המשך אין עמוד ד' |>




לכער האט נאך ארייגעכאפט צו מאכן א 'פדיון הבן' פאר זיין עלטסטער זון! געציילטע שעות איידער ער איז גע'הרג'עט געווארן אויף קידוש השם), שאול חרמץ, לייבל יוטזשענקא, שמעלקא ליפשיץ, ישראל אייזנבערג, יהושע קאסטמאן, און נאך.

און אט זענען די צייטן געווארן שווערער און שווערער. די נאציס ימח שמם האבן ליקווידירט די פוילישע געטאס איינס נאכן אנדערן, שיקנדיג די איינוואוינער אין די מאסן צו אן אומבאקאנטן ארט. אויך דער סוף פון דער קראקעווער געטא איז געקומען, און כאטש די שטאט קראקא איז געווען אן עיר ואם בישראל, מיט הונדערטער טויזנטער גוטע אידן מסלתה ומשמנה פונעם פוילישן אידנטום, האבן די נאציס ימח שמם גענומען 'ריינעגן' די שטאט, פארברענענדיג איין הויז נאכן צווייטן, און זוכנדיג אין יעדן ווינקל וועלנדיג זען וואו אידן באהאלטן זיך. די שרעקליכע צוויי־פיסיגע חיות האבן זיך געדרייט ממש אין יעדן ארט!

דער נאצישער אויבערקאמענדאנט, וועלכער איז געווען געשטעלט איבערן גאנצן געגנט, האט געהייסן 'ארמון געט' ימח שמו, און איז באוואוסט געווען אלס גאר א געפערליכער בייזוויליגער חיה! א סאדיסט וואס איז כמעט נישט צו געפינען. יעדער האט געציטערט פון אים!

אינעם אויבנדערמאנטן טאג, האבן זיי פלוצלונג געכאפט דעם גאנצן חבורה צוזאמען, אינעם באהאלטענעם קעלער וואו זיי האבן זיך פארשטעקט. זיי זענען גלייך געקייטלט געווארן, און געפירט געווארן צום 'פלאשוב' לאגער נאנט צו קראקא, וואו יענער אויבערקאמענדאנט האט זיך אויפגעהאלטן. **די בני החבורה האבן בכלל נישט מורא געהאט, זיי זענען געבליבן רואיג, אזוי ווי זיי זענען שוין געווען גוט גרייט פאר אזא צושטאנד...**

די שמועה איבערן פארכאפונג פון די פארהוילענע מאטעסאוטשעס, איז באוואוסט געווארן אינעם גאנצן לאגער. דאס איז געווען א גרויסער חידוש אין יענער צייט, אז עס געפינט זיך נאך אזא גרופע אין פוילן, וועלכע איז אזוי אנדערש פון יעדן איינעם... זייענדיג אנגעטון אין לאנגע חאלעטליך מיטן גארטל, און מיט די הויזן־זאקן, און על כולם מיט די בארד און פיאות, עפעס וואס איז כמעט נישט געזען געווארן אין גאנץ פוילן שוין מיט צוויי יאר פריער... **זיי זענען שוין זיכער געווען אז די סארט מענטשן זענען שוין נישטא צו געפינען אין די וועלט...**

ווען מען האט זיי געברענגט פארן אויבערקאמענדאנט, איז ער זייער פארוואונדערט געווארן, און האט געפרעגט: ווער זענען זיי? האט דער גענעראל געענטפערט: דאס זינד תלמוד'יסטן! זיי זענען די וואס לערנען גמרא... וועלנדיג זיי פארשעמען, און ארויסדריקן אז עס איז אים געלונגען צו כאפן נישט סתם פשוט'ע אידן! נאר די לומדי התורה! מיט אלע מלבושים און צייכענעס!

האט דער רשעות'דיגער קאמענדאנט באשלאסן, אז מיט אזא 'מציאה' דארף מען מאכן א גרעסערע 'טראסק' ביים זיי הרג'ענען! ער האט גלייך באפוילן צו צוזאמנעמען אלע ארעסטאנטן פונעם גרויסן לאגער, אידן און גוים צוגלייך! למען ישמעו ויראו! יעדער זאל זען די ביטערע סוף פון די תלמוד'יסטן...

נאכדעם וואס יעדער איז שוין געווען פארזאמלט צום גרויסן פלאץ אונטערן לאגער, האט זיך געט געווענדן צום הייליגן חבורה, ווען א רשעות'דיגער און סאדיסטישער שמייכל איז אויסגעגאסן אויף זיין געזיכט, און אזוי האט ער געזאגט צו זיי:

איך געב אייך א האלבע שעה פונקטליך צו פראווען אייער געבעט! און גלייך דערנאך וועט איר גע'הרג'עט ווערן! ער האט געהייסן אז מען זאל אויסגראבן א גרויסן גרוב אינמיטן דעם ליידיגן ארט, און ארום זיי זאל מען שטעלן עטליכע שיס־מאשינען, און פונקט ווען דער צייכן וועט געגעבן ווערן, מיט א האלבע שעה שפעטער, זאלן זיי שיסן די גאנצע גרופע צוזאמען, צום גרויסן גרוב!

ווען אלעס איז גרייט געווען, האט דער רשע ימח שמו אויסגעפירט: דאן האבן אייך איין האלבען שטונדע פריי, צו מאכן דאס געבעט! דא האט איר א האלבע שעה פריי, צו פראווען אייער געבעט!

דאס וואס איז געשען אין אט די האלבע שעה, האט איבערגעלאזט א געוואלדיגן רושם אויף אלע באטייליגטע. אפילו די נאציס אליין, צוזאמען מיט אלע זייערע גענעראלן, ימח שמם וזכרם, זענען געבליבן שטיין מיט אפענע מיילער און האבן נישט געקענט גלייבן דאס וואס זיי זעען.

די בני החבורה האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן צו זייער 'קאמענדאנט', אז ער זאל זיי אנווייזן וואס זיי האבן צו טון יעצט, וויאזוי דארפן זיי זיך פירן אינעם לעצטן שעה פון זייער לעבן, איידער זיי גייען אויף קידוש השם. דער ראש החבורה האט גערעדט צו זיי פאר עטליכע מינוט, און אזוי האט ער געזאגט:

צו אט דער מינוט האט מען זיך דאך געגרייט פאר א לאנגע צייט, און פונקט צו דער זאך האט דער הייליגער תנא רבי עקיבא זיך מצער געווען זיין גאנץ לעבן! מיטן פסוק "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך". בכל נפשך – אפילו הוא נוטל את נפשך! זיין גאנץ לעבן, האט רבי עקיבא געזאגט "מתי יבא לידי ואקיימנו" (ברכות סא:).

און יעצט, האט דער הייליגער ראש חבורה ווייטער געזאגט, אז מיר האבן זוכה געווען צו אנגענומען ווערן פאר א קרבן על קידוש השם, דארפן מיר דאס טון מיט א געוואלדיגע שמחה! און אן קיין שום פרעמדע מחשבה חלילה!

יעצט האט זיי דער ראש חבורה געהייסן, אז זיי זאלן זיך איבערבעטן איינער דעם אנדערן. דערנאך זאלן זיי זיך אנהאלטן די הענט איינער פארן אנדערן, יעדער איינער האלט אן זיין חבר'ס האנט, מיט א גרויסן רינג ארום דעם גרוב.

זיין באפעל איז ארויסגעגעבן געווארן פאר אלע בני החבורה, **צו פארמאכן די אויגן, און זינגען צוזאמען א געוויסער באקאנטער חסיד'ישער ניגון!** אזוי זאלן זיי ווייטער טאנצן און טאנצן, אן אפצולאזן די הענט און אן צו עפענען די הענט אויף קיין פאל! נאר זיך מדבק זיין אין א דביקות עליון נורא! ממש ביזן סוף!

דער באפעל פונעם ראש חבורה איז אויסגעפירט געווארן בשלימות.

**אלע בני החבורה האבן זיך אנגעהאלטן די הענט, פארמאכט זייערע אויגן, און אויסגעבראכן מיט א פייערדיגן טאנץ.**

צווישן די עלטערע גערער חסידים איז אויך מקובל דער ניגון וואס זיי האבן דעמאלטס געזינגען ביים מסירות־נפש טאנץ! דאס איז א באוואוסטער גערער ניגון, וואס איז פארפאסט געווארן עטליכע יאר פריער, דורכן באקאנטן מלחין לבית גור, 'יאנקל תלמיד' ז"ל].

אזוי האבן די קדושים געטאנצט און געטאנצט מיטן גאנצן הארץ און זעל, ווען זייערע לאנגע פיאות פליען אין אלע ריכטונגען... און פונקט א האלבע שעה שפעטער, האבן די קוילן אנגעהויבן פליען אויף זיי פון אלע זייטן, און זיי זענען ארייגעפאלן אינעם גרוב, אזוי טאנצנדיג מיט מסירות נפש!

ותצא אש מלפני ה' ותאכל אותם, וימותו לפני ה'!

די מורא'דיגע געפילן וואס דער מעמד האט איבערגעלאזט, איז געווען אן א שיעור! די מעשה איז שנעל באוואוסט געווארן איבער די וועלט, און האט צוגעברענגט א געוואלדיגער חיזוק פאר די אידן וואס זענען געווען אזוי דערנידערט, און פון די אנדערע זייט האט עס גורם געווען א געוואלדיגע בושה פאר די פארשאלטענע נאציס ימח שמם, וועלכע האבן קלאר געזען אז זיי קענען נישט צושטערן דעם העלדישקייט פון דעם איד אויף קיין שום וועג! אין יעדן מצב, האלט דער איד אן אין זיין אידישקייט מיט שמחה און מיט שטאלץ!

"בקרובי אקדש"!

[מתוך שיחה פרטית י"ח סיון תשע"א]

## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפצ'יק

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173